# אַ 70 יעריגער חתן

איך בין אַ איד פון אַ יאָר זיבעציק און קיין עין־הרע גאַנץ געזונט און מיט אַ גוטען אַפּעטיט. אָבער מיינע פיס זיינען לעצטענס עלטער געוואָרען און ווילען מער ניט גיין אַזוי שנעל ווי איך בין געוואוינט. (איך בין אַ מענש, וואָס כ'האָב ליב צו גיין שנעל.)

מיין ווייב איז מיר תמיד געווען געטריי. זי האָט ניט געטאָן קיין זאַך אָן ביי מיר צו פרעגען. אָבער מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק האָט זי אָן פראַגעס, אָן אפילו מיר צו זאָגען אַ וואָרט, גענומען און אוועקגע־שטאָרבען. גאַנץ פרי, איך שטיי אויף, מיין גיטעל שלאָפט. איך וועק זי: „שטיי־אויף, גיטעל, מאַך פרישטיק!" זי ענטפערט ניט. איך ווער אין'כעס: „גיטעל! גיטעל! גיטעל!" אָבער זי איז געבליבען פאַר'עקשנ'ט און ניט געענטפערט. האָב איך גערופען אַ דאָקטאָר און ער האָט געזאָגט, אַז זי איז ניט שולדיג וואָס זי ענטפערט ניט. זי איז טויט.

מילא, וואָס האָב איך געקענט טאָן? קריגען זיך מיט אַ טויטער פרוי קען מען ניט. האָב איך זיך געזעצט שבעה. איך האָב אָפּגעוואַרט שלשים, דרייסיג טעג, און זיך באַרעכענט, אַז ס'איז ניט גוט פאַר אַ מאַן צו זיין אַליין. זי, דאָרט, האָט זיך געטראָפען מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, פריינד; איך דאָ בין עלענד. האָב איך באַשלאָסען חתונה צו האָבען.

געזאָגט, געטראַכט און געטאָן. אַזוי ווי איך וואוין אין קוני־איי־לאַנד, האָב איך זיך אַרויסגעלאָזען אויפ'ן באָרדוואָק זוכען אַן אַלמנה. גרושות האָב איך פיינט. ווען אַ פרוי האָט שוין אָפּגעג'גט איין מאַן, וועט זי זיכער מאַכען צרות אַ צווייטען מאַן. אַן אלמנה איז דאָך ניט שולדיג וואָס איר מאַן איז געשטאָרבען, פונקט ווי איך בין ניט

שולדיג וואס מיינע איז געשטארבען. צווי אומשולדיגע מענטשען — זיינען מיר א זיווג.

גיי איך מיר אזוי פאוואליע אויפ׳ן בארדוואק (שנעל קען איך ניט גיין), זע איך עס זיצט אויף א באנק א ווייבעל, איינע אליין, און קוקט אויפ׳ן ים. טראכט איך מיר: וואס קוקט זי אויפ׳ן ים? זי קען דאך שוין דעם ים. מסתמא איז איר אומעטיג. זי איז עלענד, אן א מאן. זעץ איך זיך אוועק כמעט לעבען איר און מיר פארפירען באלד א שמועס. זי פרעגט מיך ווי שפעט ס׳איז. נעם איך ארויס מיין זייגערל, צייג איר און רוק זיך צו אביסעל נאענטער צו איר. איך פאררויכער זיך א סיגארעטעל און הוסט אביסעל. זאגט זי: א מענש וואס הוסט, דארף ניט סמוקען. זאג איך איר, אז איך רויכער כדי צו הוסטן, ווארים הער איך אויף רויכערן, הער איך אויף הוסטען. הכלל, מיר רעדען ווייטער, ביז איך זאג איר, אז איך בין אן אלמן, א טאג נאך שלשים. זי זאגט מיר, אז זי איז שוין פינף יאר אן אלמנה. זי זוכט א חתן און קען זיך ניט צוקלייבען. איך זאג איר, אז איך בין 65 יאר אלט — איך האב ארונטערגע׳גנב׳עט 5 יאר. זיי זיינען מיינע יארען, מעג איך פון זיי גנב׳ענען. זי האט געזאגט, אז זי איז פופציג יאר. זי האט מסתמא אדונטערגע׳גנב׳עט פון אירע יארען מער ווי איך. אלס פרוי איז זי בארעכטיקט דערצו. קורץ, איך זע, אז ס׳קען זיין א שידוך.

זאג איך איר, אז אויב זי וואלט איינגעשטימט, וואלט איך געשטעלט א חופה, זי געפעלט מיר. פרעגט זי וויפיל איך פארדין א וואך. זאג איך איר, אז איך האב אן איינקאם פון א פופציג דאלער א וואך. פרעגט זי מיך וויפיל איך וועל אפשרייבען אויף איר נאך מיין טויט. זאג איך איר, אז איך האב וועגען דעם נאך ניט געקלערט. איך האב ניט געהאט קיין צייט דערפאר, מיין ווייב איז ערשט געשטארבען, אבער אויב מיר וועלען זיין פארהייראט, און אין א יארצייט, ווען איך וועל זען, אז זי איז מיר געטריי, וועל איך זי שוין פארזארגן. זאגט זי „און וואס וועט זיין, אז איר וועט שטארבען פריער?" זאג איך איר: „וועט זיין מיין גליק. דאס איז א מזל־זאך". זאגט זי, אז זי וויל ניט געמבלען. זי מוז וויסען פריער. זאג איך איר: „אויב אזוי, מוז איך וועגען דעם פריער נאכטראכטען". איך האב זיך מיט איר געזעגענט און זיך געלאזען ווייטער גיין.

אפגעגאנגען א פאר גאסען, איך זע עס זיצט ווידער א ווייבעל און קוקט אויפ׳ן ים. אויך בישקשה פון א ווייבעל. איך זעץ זיך אוועק לעבען איר און עס קומט־פאר דערזעלבער געשפרעך. זי פרעגט מיך ווי שפעט



עס איז. איך זאג איר, אז איך בין 65 יאר אלט. זי זאגט, אז זי איז פופציג. זי ראט מיר, אז איך זאל צוליב מיין הוסט אויפהערען רויכערן. איך זאג איר, אז איך רויכער כדי צו הוסטען. זי פרעגט מיר וויפיל איך פארדין א וואך. איך זאג איר וויפיל. זי איז צופרידען. זי פרעגט מיך ניט ווי יענע וויפיל איך וועל אויף איר אפשרייבען נאך מיין טויט. טראכט איך, אז די ווייבעל איז פיינער ווי יענע און מען דארף מיט איר שטעלען א חופה.

אונזער געשפרעך ווערט אלץ אינטימער. זי לאזט ארונטער איר פאקעט־בוק, איך הויב אים אויף. זי דאנקט מיר מיט א ווארימען שמייכעל. פלוצלונג קומט־אן די ערשטע אלמנה, זי גייט גלייך צו און זאגט צו דער צווייטער אלמנה:

— איך וויל אייך ווארענען, אז איר זאלט מיט דעם מאן ניט רעדען. ער האט א שלעכטען נאמען. ער האט אלע מאל חתונה מיט א צווייטער פרוי און ער איז א גרויסער ליגנער. יעדער איינער זאגט ער, אז ער איז א טאג נאך שלשים. איר זעט אויס צו זיין א באלעבאטישע פרוי. איר האט מסתמא קינדער. איר וועט זיך אים ברענגען שאנדע פאר אייך און פאר אייערע קינדער!

איך האב עפעס געוואלט זאגען, אבער די פרוי, די צווייטע אלמנה, האט שנעל זיך אויפגעהויבן, געדאנקט דער ערשטער אלמנה פאר איר ווארנונג, און אן מיך צו לאזען רעדען א ווארט, איז זי אוועק.

איך בין געבליבען מיט דער ערשטער אלמנה, וועלכע האט אויף מיר געעפענט א מויל:

— וואס הייסט איר האנדעלט מיט מיר און האנדעלט שוין מיט א צווייטער? איך האב זיך אביסעל געדונגען מיט אייך, איז וואס? איר האט ערשט געמאכט מיר א פארשלאג מיך צו הייראטען און איר רעדט שוין מיט א צווייטער. מען טוט ניט אזוי! שעים יורסעלף!

איך האב זיך געפילט אביסעל שולדיג און ארונטערגעלאזען די אויגען, און די אלמנה נומער 1 האט מיך גענומען פארטיידיגען און רופען „דו". „מסתמא — האט זי געזאגט — האסטו מיך געוואלט מאכען דזשעלעס. קענסטו מיך ניט. איך וועל קיינמאל ניט זיין איפערזיכטיג. אביסעל האט מיך פארדראסען, אבער איפערזיכטיג בין איך ניט".

אזוי רעדענדיג איז צוגעקומען א פרוי מיט א בייבי־קערידזש. זי האט פאר מיר די פרוי פארגעשטעלט אלס איר טאכטער און מיך — אלס איר חתן.

די טאָכטער האָט געשמייכעלט גליקליך, האָט אַרויסגענומען איר בעיבי פון קערידזש און געזאָגט:

— משה׳לע, דאָס איז דיין גרענפּאַ, גיב אים אַ קוש.

משה׳לע האָט מיר דערלאַנגט אַ גראָבעל אין פּנים און פון מיר האָט אָנגעהויבען רינען בלוט.

— דאָס איז אַ סימן, אַז ער האָט דיך שוין ליב״, — האָט די באָבע ערקלערט.

די צוויי ווייבער האָבען מיך אָפּגעפירט אַ היים און באַטראַכט מיין אַפּאַרטמענט.

די טאָכטער האָט געזאָגט, אַז דער אַפּאַרטמענט געפעלט איר און האָט מיך געפרעגט צי מען גיט דאָ סטים.

— ווען איך וועל דאָ וואוינען, וועט דער לענדלאָרד שוין מוזען געבען סטים — האָט די מוטער ערקלערט.

זיי האָבען זיך געזעגענט מיט מיר. דאָס אייניקעל האָט מיר געוואָלט נאָך אַ גראָבעל טאָן, אָבער איך האָב ניט געלאָזען.

די באָבע האָט ערקלערט, אַז זי וועט מאָרגען פרי מיר ברענגען אַ סוועטער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. זי האָט דעם סוועטער אָפּגעהיט און געהאַלטען פאַר איר צוקונפטיגען מאַן.

איר טאָכטער האָט זיך צוריקגעקערט פון מיטן וועג, און מיך געפרעגט ווען איך דענק צו שטעלען אַ חופּה.

— איך ווייס ניט. איך האָב נאָך גאָרניט באַשלאָסען. — האָב איך איר געזאָגט.

— מאַכט עס וואָס שנעלער. — האָט זי ערקלערט — ווייל מיין מאַן וויל מער מיין מאַמען ניט האַלטען.

ווי איך זע, וועט מיר דאָ קיין שום טענות ניט העלפען. צוויי ווייבער קעמפען געגען מיר. מוטער און טאָכטער. איך וועל מוזען חתונה האָבען.

ווען איך וואָלט געווען אינגער, וואָלט איך איצט איינגעפּאַקט מיינע זאַכען און אַנטלאָפען פון קוני־איילאַנד, כדי ניט צו באַגעגענען מער די צוויי ווייבער. אָבער איך בין שוין עלטער. מיינע פיס קענען שוין ניט לויפען. קעמפען געגען צוויי ווייבער בין איך ניט בכח. זיי וועלען דאָך צום שלוס סאַי־ווי געווינען.

מאָרגען פרי וועט אַלמנה נומער 1 מיר ברענגען אַ סוועטער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. זי וועט מיר גלאַט אַזוי קיין סוועטער ניט



ברענגען. זי וועט מיך מסתמא רופען צום רב שטעלען אַ חופּה, זאָגען ניין, וועט מיר ניט העלפען. די בעסטע זאַך איז איך זאָל גלייך גיין צו דער חופּה און טאָן אַלץ וואָס זי הייסט, וועט ניט זיין קיין מחלוקת. אַז מען פאָלגט אַ ווייב איז זי מיט דיר איינשטימיג. איך וועל בלויז זיך היטען פאַר מיין אייניקעל ער זאָל מיך ניט צעגראָבלען. געגען אים קען איך זיך נאָך פאַרטיידיגען...